בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' חקת | כ"ו סיון | תשע"א | פסחים: ס"ע:

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר חיים משה גראסבערג הי"ו פון וויליאמסבורג. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' הירצקא ווייס הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג – ווי יעדע וואך, בביתו נאוה קודש אויף היוז סט.

## מגבית לטובת כולל עצי חיים לצדקת רבמבה"נ אין לאנדאן

אין די איצטיגע טעג זענען זיך אנשי שלומינו תושבי עיה"ב לאנדאן משתתף ביים אקציע וועלכעס קומט אצינד פאהר אין לאנדאן לטובת די הייליגע כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעל הנס אין בני ברק.

צו דעם מגבית זענען ספעציעל געקומען צו פאהרן הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15,טע עוו. שליט"א דער נשיא הכולל, און אזוי איך דער שד"ר הר"ר שלום יצחק דאסקאל הי"ו פון בני ברק.

*-זכותו של ר' מאיר יגן עלינו-*

## מסיבת קבלת פנים לכבוד הגה"צ ירושלים'ער דיין שליט"א אין ב"פ

אין בארא פארק קומט היינט נאכט פאהר א מסיבת קבלת פנים לכבוד הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו ירושלים שליט"א ווי דער ציבור וועט זיך אי"ה משתתף זיין לכבודו פון אזא חשוב'ן גאסט שליט"א, אין די זאלן פון הילמאן פלאזא.

*-תנו כבוד לתורה-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.